STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02955

FAR MIR, FAR DIR, FAR ALEMEN

Aaron Joel Zacusky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. י. זאַקוסקי

פאַר מיר, פאַר דיר, פאַר אַלעמען

●

בוענאָס איירעס
1938

בוענאָס איירעס
8/VI. 1938

A. J. ZACUSKY

FAR MIR, FAR DIR, FAR ALEMEN

POEMA

BUENOS AIRES, 1938

Copyright by
A. J. Zacusky

Printed in Argentine

פאַר מיר,

פאַר דיר,

פאַר אַלעמען.

דו רייצסט, ווי אַ פראַנצויזין אַ געשולטע,
נאָר מאַכסט אַזוי נאַיוו עס — פונקט ווי עכט.
דורך טיול־געהיל לאָקט שוים און ברוסט און שולטער,
זיי שרייען: „נעם!" — און ביסט דערמיט נישט שלעכט.

פאַרקערט, זעסט אויס ווי הייליקע מאַדאָנע —
ריין־צניעותדיק, ווי מוטער פון גאָטס זון;
דיר זינגען דאַרף אַ באַרד בלויז אַ קאַנצאָנע —
און דער המון אַ תפילה מאַכט דערפון.

דו וועסט נישט זיין די מאַמע פון די קינדער,
וואָס קענען זיין די פירות פון מיין זוים;
נישט דו, ווי רחל, פיטערסט שאָף און רינדער,
נישט איך זע דיך ביים ברונעם־קוואַל אין טרוים.

נישט זינגען וועסט פון ראָזשינקעס און מאַנדלען
מיין קינד, דעם נישט־געבוירענעם, ביים וויג,

פון גאָלדן ציגל, וואָס וועט פאָרן האַנדלען
און וועט דורך טיר און טויער ברענגען גליק.

כ'נעם אָן פאַר ליב. נישטאָ דאָ וואָס צו ריידן.
כאָטש פיינלעך איז יסורימדיק מיך פּאָרט:
קוים בין איך טאַטע נישט — איך ווער נישט זיידע
און אייניקל נישט רייסן וועט מיין באָרד.

און אורשפּרונג־ציל פון וועלט־באַשאַף איז, מעגלעך,
דער „פּרו ורבו!" — דער מיין פון בוראס מי;
און פּריה־רביה לויט אינסטינקט־דראַנג רעגלען,
נאַטירלעך, ווי ביי פיש, ביי פייגל, כּי.

פאַר מיר דאָך האָסט געשפּילט די ראָל פון מאַמע,
הגם פאַר אַנדערע געווען ווייב.
ס'איז גורלדיק אַזוי באַשערט, מסתמא,
ס'זאָל זיין צעטיילט נשמה, האַרץ און לייב.

נו, בין איך דאָך צו דיר פאַראייניט אויף אייביק:
ביסטו דאָך די, וואָס האָט מיך אָפּט געפירט,

און דורכגעפּירט, פאַרהיט כ'זאָל בלייבן גלייביק,
ווי קינד, אין אונדזער צייט, וואָס איז פאַרווירט.

ס'קען זיין מיר וועלן אומצעשיידבאַר אייניק
אויך גיין צום פעסט, וואָס וואַרט אויף יעדן גרייט,
צום לעצטן פעסט, פון וואַנען ס'קערט נישט קיינער
און וואָס אויף ערד מיט וויינען ווערט באַגלייט.

נאָר ס'איז די רעכטע צייט נאָך נישט געקומען,
נישטאָ נאָכוואָס צו ריידן איצט פון דעם; —
די וועלט גייט פון מהומה אין מהומה,
איז גרייט פאַרכאַפּן אַלעמען אין קלעם.

אויך מיך. און כ'וויל נישט אָפּשטיין אויף אַ רגע.
מוז מיינס פאַרטיידיקן. ס'איז פליכט און — גאָר.
אַטאָם אומזיכטיקסטן טאָר נישט דערוועגן
זיך קיינער ליקענען. דער מיין איז קלאָר.

אַדיע. מיר מוזן אומבאַדינגט זיך שיידן.
זיי ווידער דו — אַזוי ווי ביסט געווען.

נישט קלאָג, ווי שווער ניט זיין זאָל די אבדה:
דאָס אומפאַרמיידלעכע — עס מוז געשען.

איך וועל שוין אַזוי גיך דיך ניט דערמאָנען,
אַפילו ניט אין רמז. כ'האַק דאָ אָפּ.
כ'האָב בלויז געוואָלט דיין ווערט זאָל מען דערקענען,
באַקרוינען דיך מיט לאָרבער־קראַנץ דעם קאָפּ.

עס בושעוועט אַ ווילדער ווינט מיט צאָרן.
וואו מענטשנס מי — צעשטויבט, פאַרניכט, צעשטערט.
די פלאַכשאָל אונטער פוס נאָך האַרט פאַרפראָרן, —
נאָר פרילינג קומען מוז אויף אונדזער ערד.

איך קען ניט זיין מיט דעם און קעגן יענעם,
איך קען ניט זיין מיט יענעם קעגן דיר;
נאָר לעבן אי גן־עדן איז, אי גיהנום,
און אָט די צווייאיקייט איז אויך אין מיר.

ס'קען זיין עס איז ניטאָ קיין אַנדער מיטל,
חוץ צווייען זיך, צעשפּאַלטן זיך אויף העלפט.

איך נויג פאַר אַלץ זיך, נעם אַראָפּ דאָס היטל,
מיט אָפּשיי זאָג איך יעדן אַ „גאָט העלף".

כ'זוך שייכות צווישן איצט, געווען און ווערן,
און זין פון אויפקום, אונטערגאַנג און זיין;
גלייכווערטיק כ'שאַץ דעם מענטש, די קו, די שטערן,
דאָס ברויט און האָז, די מורעשקע און ווייץ.

אין רגעס לעבט מען דורך דעם תוך פון יאָרן.
אַ רגע — און עס קומט אַלץ, און פאַרשווינדט.
נאָר אויף צו לעבן — מוז מען זיין געבאָרן,
צו ווערן מענטש — מוז יעדער זיין אַ קינד.

און וואַקסן דאַרף מען, וואַקסן, וואַקסן, וואַקסן,
און ווערן צייטיק, ווי סוף זומער פרוכט,
און שלעפן משא אויפן אייגן אַקסל,
און האָבן גאַל אויף גומען־צונג פאַרזוכט.

דעם תמצית קריגט מען אי אויף כח פון בייטשן,
אי אייביק פאָרשן, מיזאַמען געזוך.

דאָס לעבן איז אַזוי, ווי מיר עס טייטשן:
פאַר מאַמין איז עס ברכה, צווייפלער — פלוך.

ס'איז אויך געווענדט, פאַרשטייט זיך, אין השגה.
וואָס מער דאָס גאַרן, טיפער דאָס פאַרשטיין —
אַלץ שנײדנדיקער, העפטיק, פרייד און פלאָגן,
אַלץ ווערטיקער, באַדייטיק, שטויבל קליין.

דו שמייכלסט צו: שוין וויפל מאָל איך חזר
דאָס איבער אַלץ און ווער נאָך אַלץ נישט מיד...
און כ'וועל נישט ווערן מיד! ווייל דאָס איז באַזע,
און ס'האָט קיין אַנדער ציל פאַר זיך מיין ליד.

הלוואי וואָלט איך געקענט איינמאָל פאַר אַלע
דורכזיכטיק־קלאָר דערציילן וואָס מיר פלאָגט;
כאָטש אָפט ווערט לויטער מיר דער סוד נתגלה,
דאָך יענץ, וואָס זאָגן כ'וויל — בלייבט נישט דערזאָגט.

וואָס איז דען בלאַנקער פון דעם ווייסן לאָטאָס?
וואָס איז דען אימהדיק ווי שוואַרצע קראָ?

*

דאָס לעבן אין געפאַר? — דער טויט באַדראָט עס?
אך, גאָרנישט האָט אַ סוף — עס גייט אַ דור.

ער שלעפּט אַרויף די משא אויף די פּלייצעס
און מיינט ס'איז שפּיל — און לויפט, און שטרויכלט, פאַלט;
שטייט ווידער אויף און ווייטער ציט די לייצעס,
און לערנט זיך פאַרליבט זיין און — ווערט אַלט.

פּרוּווט אויס דערווייל מעסקינישע מזלות,
מיט מי און מאַטער גרייכט דאָס טרוקן ברויט,
איז אומצופרידן תמיד און פאַר גלות
דערוואַרט ער קריגן עדי־שכר דורך טויט.

און ווידער אַלץ פון אָנהייב אָן: געבאָרן,
און יוגנט, אנונגען, באַגערן, מי. —
ווי פאָריקע — געטרוימט, געקעמפט, פאַרלאָרן, —
אויף דייאָ טרוימען, קעמפן אין צעבלי.

און אָט איז עס, וואָס פּייניקט מיך און מאַטערט:
פאַרוואָס ווערט טאַקע טרוים נישט וואָרע וואָר?

* *

*

גייט יעדער תמיד נאָך אַ פּאָן, וואָס פלאַטערט —
פאַרוואָס האָט נישט קיין מדריך אונדזער דור?

איך האָב געהאַט. באַשערט צו זיין דערהויבן.
כאָטש צי אַזאַ איז אויך געווים געוועז,
דאָס ווייס איך ניט. ס'קען זיין, אין גאַר נאָך גלויבן,
דאָס האָט מיין דמיון מיר געמאַכט אים זען.

ער איז געקומען און געוואָרן רבי. —
דאָ חל דער זאָג פון קומען, זען און — זיג.
באַקומען האָט אַ נייעם רייץ דאָס לעבן,
ס'האָט העפּטיק זיך דאָס בלוט געטאָן אַ וויג.

ווי וואונדערבאַר ער האָט זיך עס באַצויגן
צו אונדז, די יונגע, שנעקלעך קעגן אים:
אַ ליבלעך שמייכל שטראַלט אַרויס פון אויגן,
מיט גוטסקייט צערטלענדיקער גלעט זיין שטים.

מיר פלעגן אַלע אַרום אים זיך זעצן.
געזעסן? — ניין, געפלאַטערט און געקלעפּט;

* *

פֿאַרגעסן פּוסטע העפֿלעכקייטס־געזעצן,
געשטורעמט ווילד און צניעות שטיל געשעפּט...

ס'איז מאָדנע, יאָ? און דאָך אַזוי, בפֿירוש,
איז עס געווען. און וואויל איז טאַקע אונדז!
(ס'איז נויטיק אפֿשר, נאָר איך וועל קיין פּירוש
נישט געבן דאָ אַפֿילו אויף אַן אונץ).

אַז וואויל איז אונדז, וואָס נאָך אויף אונדזער גורל
איז אויסגעפֿאַלן גוטסקייט כאָטש אַ טראָפּ! —
פֿאַרשווינדן פֿלעגן ספֿיקות, שוואַכקייט, מורא,
ווען ס'האָט באַוויזן זיך זיין גראָער קאָפּ.

אַוועק איז אומעט. מונטערקייט באַוועלטיקט,
און לויטערקייט דרינגט דורך דאָס האַרץ, געמיט;
דער חלום שטענדיקער — ווערט וואָר צעהעלטע,
און זיכערקייט, אַז וועסט דערגרייכן — גליט.

אַ ווילן אָנצוהייבן אַליץ פֿון אָנהייב,
אַ ווילן פֿאָרצוזעצן אַליץ, וואָס גוט,

האָט העל אונדז איבערפולט — די פּאָן פון פאָנען —
געוואָרן ניי געבאָט, וואָס טרייבט דאָס בלוט.

וואָס וואָלטן מיר דען נישט געקענט דערגרייכן?
אויף וואָס וואָלט אונדז פאַרפעלט דען מוט און קראַפט?
שטרעק אויס די האַנט — דערלאַנגסט די העכסטע הייכן,
ס'פאַרלירן הינדערנישן זייער האַפט.

אַזוי האָט מען געשוועבט אין בלאָע רוימען,
געגרייטע אויף קרבנות און אויף זיג.
און ס'האָט געדינט אַלס מאָס דעם אימפּעט צוימען
זיין קלוגער שמייכל און דער זאַנפטער בליק.

געגאַנגען האַנט אין האַנט איז וואָר און חלום,
און צו דעם ריטם איז געטראָטן פוס.
גיי ברענג אַראָפּ דער וועלט אייביקן שלום —
דערפון איז וואוילזיין אָפּהענגיק, ס'איז מוז!

די ציל־ברעט — דאָס איז וואוילזיין יעדן, יעדן,
און צייט איז שוין ס'זאָל יעדער דאָס פאַרשטיין.

*

פֿאַר מיר, פֿאַר דיר, פֿאַר אַלעמען

שוין דאָס אַליין גענוגט פֿאַר גאַנצן קרעדאָ —
אַ האָר נישט מינערער, אַ האָר נישט מער.

און ווי געקומען און דאָס פֿלאַץ פֿאַרנומען,
אַזוי איז ער פֿאַרשוואונדן מיטאַמאָל.
פֿאַר שטורעמטעג, פֿאַר יאָרן פֿון מהומה,
דערנאָך געקלעקט האָט אָפּקלאַנג פֿון זיין קול.

דער טעמבער פֿון זיין שטים! ס'קען זיין, אַז שפּעטער,
יאָרצענדליקער אַרום נאָך וועגן איר
כ'וועל טרוימען און זי הערן אינם עטער
אין קלאַנג פֿון תּכלית־אַווירשן וויבריר.

ס'קען זיין אַמאָל — און זי איז ווערט ביי מיר עס,
ווי ער אינגאַנצן האָט ביי מיר די ווערט —
כ'וועל פּרואוון די שאַטירונגען־עשירות
אויסזינגען נאָך — אַ זכר פֿאַר דער ערד.

איך וואָלט עס שוין געטאָן, נאָר כ'פֿיל דערווייל
זיך ניט אין כּח פֿאַרפֿול דאָס נאָך צו טאָן,

* *

הגם ס'איז צייט; ווייל האַס־און שנאה־פּיילן
צעפּיצלען לופט און שטעלן אַלץ אין קאָן.

ס'איז שווער דאָס צוצוזען און ס'זאָל אין אָדער
דאָס בלוט, אוים בושה, שאַנד, נישט טאָן אַ ברויז.
בלויז ליבשאַפט איז געווען זיין רוף און פאָדער —
קיין סימן איז ניטאָ דערפון איצט. אויס.

בלויז ליבשאַפט איז געווען זיין רוף און לאָזונג —
ווי איינפאַך און דערהויבנדיק עס איז!
נאָר ווער וועט וואַגן ליבשאַפט איצט צעבלאָזן,
אַז בעסטיע הערשט מיט האַס־פאַרסמטער שפּיז?!

„דער מענטש דעם מענטשן וואָלף איז"—זאָגט לאַטיינער;
פונדעסטוועגן וועט וואָלף אין עקסטער נויט
נישט גיין, ווי מענטש, פאַרצוקן חבר זיינעם,
נישט שטילן גייציקייט דורך ברודערס טויט.

עס שטייט אין קאָן דאָס ביסל וואָס דעראָבערט
מען האָט מיט ווייטיקן, קרבנות, קאַמף;

עס שרייט מאַרטירער־בלוט צו אונדז פון קבר,
און מיר דאָ ל ע ב ן הויכן אויס ווי דאַמף.

ס'גיסט מענטשלעך בלוט זיך ווי אַ מבול־רעגן,
געוויטער־שטראָמענווייז, ווי ים, ווי טייך, —
ס'זאָל פרוכטבאַר מאַכן ערד? — פאַר וועמעסוועגן?
אויב נישט פאַר מענטש — פאַר וועמען ערדיק רייך?

דאָס מענטשלעך לעבן — הייליק, הייליק, הייליק, —
נישט אונדז דערלויבט איז הערשן איבער דעם;
און מיר — מיר ברענגען אום עס אַנשטאָט היילן
פון פלאָגן און עס ראַטעווען פון קלעם.

דערגרייכונגען פון יאָרן, יאָרן מאַטער
ביי חרוב ווערן האַלטן דורך אַ בלאָז;
דער אימפּעט־דראַנג פאַרויסצוגיין — צעפּטרט,
ווי ס'ווערט אויף פּיצלעך־פּיץ צעשפּליטערט גלאָז.

דערנידעריקט איז אונדזער מין — די פלאַנצער,
די גערטנער, היטער־הערשער אויף דער ערד,

*

וואָס בלויז אָט־דאָס צו זיין, נאָר פול, אינגאַנצן,
האָט גאָט באַשאַפן אונדז און אונדז באַשערט.

קלאָר: יעדער האָט אַ מיסיע אויף דער וועלט דאָ,
און יעדער מוז זיין פונקציע אָפּטאָן גאַנץ;
נאָר פונקט ווי ס'דאַרפן תבואות געבן פעלדער —
מוז אויך צעשטערער אויסטאַנצן זיין טאַנץ?

כ'אַנטציק זיך ניט פאַר דעם, וואָס איז פאַרשוואונדן,
און נישט ווייל עס איז א י צ ט — איך נידערשעץ;
מיך פלאָגט: ווער וועט באַווייזן היינט דעם וואונדער
צו היילן, לינדן, יאַטערדיקע קרעץ?

איז ווען נאָך נויטיקער געווען ווי איצטער?
פאַרוואָס קען היינט עס ניט געשען אַ נס?
מיר זענען אַלע ציניקער פאַרשפּיצטע,
און — ווײ — אָן גלויבן יעדער איז אַ מת!...

איך פיל אויף זיך התחייבות פון אַ וואַכער,
פון וואָרענער — דערפאַר די אַלע רייד.

* *

דער הוזקער מעג לאַכן, לאַכן, לאַכן —
איך טו מיין פליכט און בין אויף אַלץ געגרייט.

זיי גוט צו אַלעמען און זיי גרויסמוטיק!
ווי גוט נישט האַנדלען ווערסט — אַלץ בלייבסט צום נאַר.
טאָ שטעל זיך איין פאַר דעם, וואָס דו ליידסט בלוטיק —
דאָס וועט אַ טרייסט דיר זיין אין גרויסן צער.

עס וועט דיין חבר דיר אין נויט פאַרראַטן.
נאָר דו בלייב שטאָליק האַרט, זיי גרייט דערצו.
אויב אַלע זוכן חניפה־וועג דעם גלאַטן,
דעם ביישפיל פון אַ שטאָלצן מענטש ווייז דו.

און נאָך איינער, און צען, ווי דו, און הונדערט —
די ווייניקע, וואָס זענען יאָ פאַראַן,
נעמט אייניקט זיך און ווייזט דער וועלט דאָס וואונדער
פון וואַגן טאָן דעם אומבאַדינגטן שפּאַן.

גלייכגילטיק גיי פאַרביי ביים זייט פון שפּעטער:
דער ציניקער איז עקר אין מהות;

און ווי אים — וואָס וועט פון אים בלייבן שפּעטער?
און דו אין מאַרש לאָזסט איבער טריט פון פוס.

דער זכר בלייבט אויף דורות, דורות לאַנגע,
ווייל דאָרט, וואו איינער גייט — שפּרייזט צווייטער מיט.
ס'זאַפּט איין דער רוים אויפשטראַלונגען און באַנגען
און אייביק עכאָט עטער אָפּ דיין ליד.

ס'בלייבט גאָרנישט אויף דער וועלט פאַר וועלט פאַרהוילן,
דער אָטעם־הויך פאַרזיגלט זיך אין לופט,
פאַרבאָרגנסטער געדאַנק, און טאַט, דאָס גרוילן;
אומזיסט פאַרגאָסן בלוט — צו חשבון רופט.

פאַר דעם פאַרטאַיעטסטן מען וועט אויפמאָנען,
און משפט זיין וועט יושרדיק, לויט דין.
צו ליבן אלץ וואָס דאָ און אַלץ דערקאָנען —
דעריין איז אונדזער ווערט, אין דעם — דער זין!

יאָ, יעדערער וויל זיין געליבט, געצערטלט,
און ווי דער מענטש, אַזוי אויך יעדע זאַך —

*

דער בוים, דער שטיין, דאָס זאַמד, דאָס גרינס אין גערטל,
דער פֿיש אין וואַסער, שינדל אויפֿן דאַך.

פֿאַרוואָס נישט אָנטאָן טאַקע פֿאַרגעניגן
צו יעדערן, צו אַלעמען און אַלץ?
עכט לאָמיר זיין — וועט קומען ווינט אונדז וויגן,
ס'וועט זינגען ערד. און ברויט וועט זיין און זאַלץ.

אויך די אָן מענטשלעך לשון פֿילן, ליידן,
אויך זיי אומווירדיקייט פֿאַרצאַפּט דאָס בלוט.
באַשייך אין שוואַכקייט זיי, און זוך אויסמיידן
דאָס מינדסטע שלעכטס זיי טאָן. זיי תּמיד גוט.

האָט ווער געהערט דאָס הערלעך ליד פֿון זאַכן,
אומכמיטלבאַר געזאַנג פֿון שטיין און האָלץ?
ס'ווערט שטומקייט רעדעוודיק, הערסט הייטער לאַכן,
און וואָיען גרויליק פֿאַר באַליידיקט שטאָלץ.

דאָס קענען הערן די, וואָס זענען ראוי,
און ראוי זיין קאָן יעדערער דערצו:

לעב ריין, געוויסהאַפטיק, אינסטינקטן רויע
זאכט איידל אוים, גרייך גלייכגעוויכט און רו.

גרייך גלייכגעוויכט און רו! — ס'איז לייכט צו זאָגן:
נאָרוואָס פון בויך — שוין האַלט אויף זיך אַן אויג!...
פאַרדרענג דאָס בלוט, מיט בייטש אַליין זיך שלאָגן,
פאַר יעדער שמיץ — הכנעהדיק אַ נויג...

(זיי רואיק, האַרץ, פאַרגיי נישט אין יסורים,
ביסט נישט דאָס ערשטע, נישט דאָס לעצטע קינד,
נאָר איינער פון ביליאָנען לויט גאָטס פורעם,
וואָס דאַרפן אָפּקומען פאַר — וועמענס? — זינד.)

ווי גוט צו זיין איז גוט! נאָר פילפאַך בעסער
איז קענען גובר זיין אין זיך דאָס שלעכטס!
די תאוה גליט און שינדט דאָס לייב מיט מעסער,
נאָר דו פאַרבייסט אַ ליפּ און טוסט קיין קרעכץ.

דו ביסט דורך אַלע שוואַכקייטן דערקומען
צו יענער מעטע אָן אַהין־אַהער,

וואָס אפשר אַנענדיק האָסט בלויז פֿאַרנומען,
ווייל ס׳האָט געגרייכט צו איר נאָך זעלטן ווער.

ס׳איז בלענדנדיקע קלאָרקייט פֿונם תּכלית,
ס׳איז אווירשע דורכזיכטיקייט אין פֿעלד,
ס׳איז לייטערן זיך שטראַליק דורך אבֿלות,
דערקענטעניש־באַהעפֿטונג: מענטש און וועלט.

אָט איז: באַהעפֿטונג! אָט האָב איך דורך צופֿאַל
אַרויסגעזאָגט דעם וואונדער־קלאַנג: באַהעפֿט!
ס׳איז אָנגעפֿלויגן אומגעריכט — איך גופֿא
ערשט כאַפּ זיך אויף זיין ענדלאָזן באַטרעף.

באַהעפֿט זיך מיט דער ערד, ווייל דו ביסט אירער,
באַהעפֿט זיך מיט דער פֿרוי, זי איז דיין ריפּ,
באַהעפֿט צום לעבן זיך — ווער היטער, פֿירער,
באַהעפֿט זיך מיט דער וועלט, ווי ליפּ מיט ליפּ.

מיר זענען אָפֿט ווי עופֿות נישט־דערקווילעט —
איך נויץ דעם אויסגעדראָשענעם פֿאַרגלייך,

ווייל ער איז פינקטלעכסטער צו מאַכן בולט
די אַנגסטן אונדזערע אין לעבנס־טייך.

ס'קען זיין דאָס צאַפּלען זיך אין גסיסה־צאַפּל
איז בלויז אַ לעקציע — מערער צו פאַרשטיין;
פאַרגלייזן זיך אויף אייביק פון שוואַרצאַפּל —
אַ רמז איז — נישט מער, ווי זונס פאַרגיין.

דורך ליידן, אמת, ווערן מיר געליטערט,
ס'ווערט ליב דאָס מינדסטע, גלייכגילט פילסט צום פיינד;
נאָר פונקט ווי אַליך ווערט נאָענט דיר—ווערסט דערווייטערט
פון מענטש — דיין ברודער —, זאָרגן פאַרן היינט.

כאָטש ס'פרייט דיך ברודערס פרייד, און שטאַרק די פרייד איז,
כאָטש פון זיין צער נאָך טיפער ווערסט באַצערט —
דאָך זענען גופא מיר אַליין די עדות:
מיר נאַרן אים און ווערן אויך גענאַרט.

דאָך זאָרגן טאָרסטו קיינמאָל נישט אויפהערן,
אַפילו אויף אַ רגע נישט צומאָל:

ווייל יעדע רגע האַלט עפּעס אין ווערן,
און פּונקט דאַרף ווערן דיינס, ווען וואַרפסט דעם עול.

דעם מוטלאָזן גיב מוט, דעם האָפנונגסלאָזן
שפּריץ גלויבן איין און מעגלעכס סוגעריר,
דעם עלנטן פאַרהיט פון זיין פאַרלאָזן; —
וואָס טוסט פאַר יענעם — חל איז אויך אויף דיר.

ווייל ביסט צו אַלץ און אַלעמען פאַראייניקט, —
אויך פאָרפאַלן, דערשיינונגען, באַטרוג;
און וויפל זאָלסט נישט טאָן — איז אַלץ נאָך ווייניק,
און וויפל וועסט נישט טאָן — איז נישט גענוג.

ווער האָט פון אייך דערקענט דעם סוד פון פּשטות,
פון איינפאַכקייט די תמימות און דעם מוט?
כ'וויל קינד און רינד, און זאַמד, און גרעזל לאַשטשען,
און דאַרף מען — אָפּגעבן פאַר זיי מיין בלוט.

וואו איז נאָך העכערס דאָ, וואָס זאָל דערהויבן,
ווי מוסר־נפש־זיין זיך ווען באַזאַכט?

כ'צעגיי פֿאַר פֿרייד — דערקענטעניש פֿון גלויבן —
און שריי עס אויס העראָלדיק־שטאַרק אין נאַכט.

קרבנות־גרייטקייט לערן זיך ביי פֿרויען, —
יאָ, זיי, וואָס זענען צאַרטקייט אין קוואַדראַט.
אין צווייפֿל־שעה דער פֿרוי מעגסט זיך פֿאַרטרויען,
כאָטש ביסט נישט אויסגעהיט פֿון איר פֿאַרראַט.

כ'וואָלט זיך געקענט באַנוגענען אַפֿילו
מיט האָריזאָנטן־אויסזיכט אין דער ווייט:
אַבי כ'קען הונגער־דורשט מיט ברויט־ווײַן שטילן,
אַבי אַ לידער־בוך און ז י ביים זייט.

ווייל פֿרוי אַיעטוועדע איז — מ אַ מ ע, מ אַ מ ע,
געבוירערין און אַם פֿון אונדזער מין;
געבענטשט זאָל זײַן איר בויך — די העכסטע גאַמע
פֿון דער מיסטעריע מענטש, ניכב־שטראַליק דין.

איך האָב געהערט איר וואוי בשעת געבערן,
דאָס וואָרטלאָז הימלשפּאַלטנדיק געשריי

אויף ראַנד פון אונטערגאַנג און נייעם ווערן —
דערוואַרטונגס־אַנגסט, געמיש פון פרייד און וויי —

און כ׳האָב דערקענט. און קאָן שוין ניט פאַרראַטן,
כאָטש זי פאַרראַט מיך יאָ אויף שריט און טריט:
אָן פרוי וועל איך ניט ווערן קיינמאָל טאַטע,
נישט האָבן ווער זאָל נאָכזינגען מיין ליד.

דאָס צערטלעכסטע, מעג זיין ראָמאַנטיק־שימל,
אין אויער שעפּטש דעם מיידל, פרוי, דיין ווייב —
דערנערונג ס׳איז פאַר איר און ס׳גיט איר סטימול
לייכט אויסצוטראָגן נפש פון דיין לייב.

וואָס פון דיין זוים — ביסטו, ווי איך — פון מיינעם.
מיר מוזן האָבן ז י ך אין וועמען זען,
זיך אָפּגעבן אים גאַנץ, אָן טענה־מענה,
פונקט מיר אַליין מיר וואָלטן דאָס געווען.

מיר זענען עס, געפורעמט און געשטאַלטיקט!
און ער פאָלגט נאָך ירושהדיקן דראַנג;

און ציל־באַוואוסט, אַז נויטווענדיק געוואַלטיק
איז גיין דעם וועג — וועט גיין, ווי דיין פאַרלאַנג.

אים האַלט נישט אָפּ קיין הינדערניש און שטרויכל,
פּחדנות — דאָס איז נישט פאַר אים קיין מאָס;
וואו נויטיק — אומגעריכט וועט ער אויפטויכן,
און ווערן וועט באַשיידט — וואוזהין און וואָס.

נאָר לאָמיר קליינוויז לערנען אים באַזאָכטקייט,
צו האַנדלען רואיק, אויסגערעכנט, פריי.
מיר צילן זיך דאָך זען (אין גרוים און שוואַכקייט),
מיר ווילן דאָך געדאַיען — נו, געדאַי!

עס קומט אַ טאָג, אַ טאָג פאַרגייט, קומט ווידער —
אַזוי פון אייביק און ביז אייביק שוין;
און יעדער טאָג מיט זיך ברענגט נייע לידער,
מיר זינגען זיי, און דאָס איז אונדזער לוין.

די אָוונטן און נעכט נאָך זענען פראָסטיק,
באַגינען קומט די זון און וואַרעמט אויס.

אויף קוסט און צווייג מיט גרינס שוין פּלאַצן קנאָספּן.
שוין זשומט אַ פליג. אָט הנדלט זיך אַ רויז.

מיט סמאָלער־ריח איז אָנגעזאַפּט דער אוויר.
אין מחנות פליען פייגל הייטער אום.
ס׳טוט אָפּ זיך ווינטערס איינגעגעסן זשאַווער;
און פרילינג נישט פאַרראַטן וועט זיין רום.

דאָס בלוט שטראָמט האַסטיק־שנעל. כ׳ווער בגילופין.
פריש העפטיק ווילן פיבערט שוין אין גוף.
צו ווערן איינס איז וואָרט און טאַט באַרופן.
דאָס לעבן לאָקט און איך פאָלג אוים דעם רוף.

הערצאָלדיק כ׳שאַל אויפטויכנדיקע לידער,
און איך ווער ייִנגער, ייִנגער נאָך פון יונג.
איך וואונדער זיך אויף מיין עקסטאַז פאַר ווידוי —
ווי לייכט עס רעדט מיין היקעדיקע צונג!

אָ, לעבן מיינס, אין כסדרדיקן פאַרשן!
אָ, לעבן מיינס, אין אַנונגס־פרייד צעבליט!

כ׳באַשירעם דיך פון דראָענדיקן קאָרשון,
ביז לעצטן אָטעם־צוג וועסט זיין פאַרהיט.

איך וועל זיך נאָך דערווייל מיט דיר ניט שיידן,
עס האַלט נאָך ניט ביים סוף פון מיינע טעג:
איך האָב נאָך צייט צו זען צעבליטע מיידן,
און הערן פוסטע רייד, און ביל, און בלעק.

איך וועל זיך נאָך באַגייסטערן פאַר פייגל,
מיט קינדער זיך נאָך דרייען קאַראַהאָד,
אין ווינט — אַ רמז זען אויף נייעם שטייגער,
אין שטויב־אַטאָם און זון — אַלץ זען גאָט.

אין יעדער פרוי — געבוירערין פון מענטשן,
אין יעדן מאַן — פאַרפלאַנצער פונם מין; —
זיין פרוכפּערדיקע אַרבעט וועל איך בענטשן,
די אַרבעט, וואָס וועט ברענגען י ע נ ע ם זין.

פֿון זעלביקן מחבר דערשינען:

א נ י מ א מ י ן, לידער, 1935

איבערזעצונג:

א י ן ק אַ פֿ ע ־ ה ו י ז פֿון ערריקאָ מאַלאַטעסטאַ, 1936

גרייט צום דרוק:

אָ ט ־ אַ ז ו י ־ אָ, לידער

דאָס דאָזיקע ביכל האָט מען פאַרענדיקט
דרוקן דינסטיק, דעם ערשטן טאָג פון
חודש פעברואַר פון יאָר טויזנט ניין
הונדערט אַכט און דרייסיק, אין דער
דרוקעריי פון קראַסילאָווסקי און פער־
צאָווסקי, גאַס וואַלענטין גאָמעס 2719,
בוענאָס איירעס. (אַ ר ג ע נ ט י נ ע).